**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/24/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 15 מיליאן דאלאר אין קילונג הילף פאר שוואכערע ניו יארקער**

***עיר קאנדישענעירס זענען דא צו באקומען פאר אזעלכע וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו עקסטרעמע היצן און פייכטקייט***

***אפליקאציעס פאר קילונג הילף ווערן אנגענומען אנגעהויבן פון מאי 1***

***פראגראם האט געדינט איבער 54,000 ארימערע משפחות אין לויף פון די פארגאנגענע פינף יאר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 15 מיליאן דאלאר איז דא צו באקומען דורך דעם 'היים ענערגיע הילף פראגראם' (Home Energy Assistance Program, HEAP) צו העלפן שוואכערע ניו יארקער מיט נידעריגערע איינקונפט וועלכע האבן נישט קיין עיר קאנדישען צו בלייבן קיל דורכאויס די היצן פון די זומער. דער פראגראם וואס איז אונטער די אויפזיכט פון די סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance) קען צושטעלן אן עיר קאנדישען פאר בארעכטיגטע משפחות וועלכע האבן א מיטגליד וואס האט א דאקומענטירטע מעדיצינישע פראבלעם וואס ווערט ערגער מיט עקסטרעמע היצן, אדער פאר משפחות מיט קליינע קינדער אדער עלטערע מענטשן.

"דער קילונג הילף פראגראם איז א קריטישע רעטונג שטריק פאר צאללאזע ניו יארקע פאמיליעס וועלכע טרעפן זיך אפט אן מיט צו טייערע קילונג קאסטן וואס זיי קענען זיך נישט ערלויבן ווען די טעמפעראטורן שטייגן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אין די צייט וואס טעמפעראטורן וואקסן אריבער די סטעיט, זענען מיר פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז שוואכערע משפחות און אזעלכע מיט נידעריגערע איינקונפט צו האבן די מיטלען צו בלייבן זיכער, באקוועם און קיל אין זייערע אייגענע היימער."

כדי צו זיין בארעכטיגט פאר די פעדעראל-אויסגעצאלטע פראגראם, מוזן אפליקאנטן נאכקומען די באדינגונגען און די מאקסימום איינקונפט וואס ווענדט זיך אין די צאל הויזגעזונד מיטגלידער צו זיין בארעכטיגט פאר HEAP, און די הויזגעזונד דארף האבן צום וויניגסטנס איין מיטגליד וואס ליידט פון א מעדיצינישע פראבלעם וואס ווערט פארערגערט מיט עקסטרמע היצן אדער א הויזגעזונד מיטגליד אונטער 6 יאר אלט אדער העכער 60 יאר אלט. צום ביישפיל, א הויזגעזונד פון פיר מיטגלידער קען באקומען ביז אזויפיל ווי $65,829 א יאר אדער $5,485 א חודש און נאכאלץ זיין בארעכטיגט פאר הילף.

דער פראגראם דעקט די קאסט פון אן עיר קאנדישען און אינסטאלאציע. ביז אזויפיל ווי 18,500 משפחות זענען ערוואַרטעט צו באקומען סערוויסעס אריבער די סטעיט.
אפליקאציעס פאר קילונג הילף וועלן אנגענומען ווערן אנגעהויבן פון מאנטאג, מאי 1, ביז אוגוסט 31 אדער ביז די געלטער לויפן אויס. הילף ווערט פארטיילט אויף א פארנעם פון כל הקודם זכה.

איינוואוינער פון אינדרויסן פון ניו יארק סיטי קענען אפּלייען דורכן זיך פארבינדען מיט זייער לאקאלע דעפּארטמענט אָוו סאָושעל סערוויסעס דורכן טעלעפאן אדער פערזענליך. ניו יארק סיטי איינוואוינער קענען אפּלייען דורכן אראפקומען פערזענליך צו א לאקאלע HRA בענעפיט צוטריט צענטער (Benefit Access Center) אדער דורך די טעלעפאן אדער די אינטערנעט אויף access.nyc.gov.

לעצטע יאר איז די בארעכטיגונג פאר קילונג הילף צום ערשטן מאל פארברייטערט געווארן דורכן אפלאזן די באדינגונג פון א מעדיצינישע פראבלעם, און מער פון 23,500 משפחות האבן באקומען הילף. די בארעכטיגונג באדינגונגען זענען נאכאמאל צוגעפאסט געווארן דעם יאר צו גיבן דין קדימה פאר די שוואכסטע משפחות — די וועלכע האבן א מיטגליד מיט א מעדיצינישע פראבלעם וואס ווערט ערגער דורך היץ אדער קליינע קינדער אדער עלטערע מענטשן.

מער פון 54,000 משפחות אריבער ניו יארק האבן בענעפיטירט פון קילונג הילף דורכאויס די פארגאנגענע פינף יאר.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער, דעניעל וו. טיעץ, האט געזאגט,** "עקסטרעמע הייסע און פייכטע וועטער קען שטעלן טייל פון אונזערע שוואכסטע ניו יארקע שכנים – אריינרעכענענדיג די מיט מעדיצינישע פראבלעמען, עלטערע מענטשן און קליינע קינדער – אין ערנסטע געפאר. סיי ווער וואס קען מעגליך זיין בארעכטיגט ווערט געמוטיגט צו אפלייען פאר די הילף וואס קען פאטענציאל ראטעווען לעבנס ווי נאר די אפליקאציעס ווערן אנגענומען."

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערע מענטשן (Office for the Aging) צייטווייליגער דירעקטאר, גרעג אָלסען, האט געזאגט,** "עקסטרמע היצן שטעלן א גרויסע געזונטהייט און זיכערהייט סכנה פאר עלטערע מענטשן, באזונדערס פאר אזעלכע מיט כראנישע געזונטהייט פראבלעמען. אן עיר קאנדישען קען זיין א רעטונג שטריק דורכאויס היץ כוואליעס וועלכע ווערן אן אפטערע ערשיינונג. איך מוטיג אלע בארעכטיגטע נויטבאדערפטיגע עלטערע מענטשן צו אפלייען פאר די HEAP קילונג הילף בענעפיט זיך צו גרייטן פאר די בעפארשטייענדע חודשים. לאקאלע אפיסעס פאר עלטערע מענטשן שטייען גרייט אלץ א מיטל צו העלפן עלטערע מענטשן אין דעם אפליקאציע פראצעדור."

**קאנגרעסמאן פאול טאנקאָ האט געזאגט,** "מיט שטייגנדע טעמפעראטורן, איז דאס פארזיכערן אז אמעריקאנער בלייבן זיכער און קיל קריטיש וויכטיג. איך בין שטאלץ מיט מיין ארבעט צו פארזיכערן די פעדעראלע דאלארן, צו פארשטערקערן HEAP און צו זיכער מאכן אז פאמיליעס קענען זיך ערלויבן צו באצאלן זייערע היים ענערגיע בילס. איך מוטיג בארעכטיגטע ניו יארקער צו אפלייען פאר דעם וויכטיגן פראגראם און זיך האלטן קיל דעם זומער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418